**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/28/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט דריטע רונדע פון אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג גרענט פאר א סך הכל פון כמעט 11 מיליאן דאלאר

***זיבעצן פראיעקטן אריבער די סטעיט וועלן אויסנוצן כמעט 7 מיליאן דאלאר אין רעגירונג/פריוואטע פינאנצירונג צו שטיצן כמעט 2,500 טרענירטע ארבייטער פאר איבער 100 ביזנעס שותפים***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג (Office of Strategic Workforce Development) האט געשאנקען קרוב צו 11 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר זיבעצן פראיעקטן אריבער די סטעיט אין די דריטע רונדע פון די 'ארבעטסקראפט אנטוויקלונג אינוועסטירונג' (Workforce Development Capital) און 'באצאלונג פאר רעזולטאטן' (Pay for Performance) גרענט פראגראמען. די גרענטס וועלן שטיצן די טרענירונג פון נאענט צו 2,500 ארבייטער דורך צוזאמענארבעט צווישן קערפערשאפטן וועלכע פירן דורך טרענירונג און מער פון 100 ארבעטסגעבער שותפים אין פעלדער ווי IT, ריינע ענערגיע, פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג, אינטערנעט סערוויס און קאנסטרוקציע. די אפיס, וואס ארבעט אונטער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, איז פאראנטווארטליך צו שטיצן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען און סטאנדארטן – געטריבן דורך די אינדוסטריע – צו פארזיכערן אז ניו יארקער זענען צוגעגרייט צו נאכקומען די באדערפענישן און פריאראטעטן פון ארבעטסגעבער.

"ניו יארק איז איבערגעגעבן צו אנטוויקלען א שטארקע און פארשידנארטיגע ארבעטסקראפט, און אינוועסטירן אין אונזערע ארבייטער איז די וויכטיגסטע אינוועסטירונג וואס מיר קענען מאכן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די נייע רונדע פון די סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג גרענטס וועלן העלפן ניו יארקער זיך צו איינהאנדלען די כלים וואס זיי דארפן האבן צו קענען מצליח זיין אין די היינטיגע עקאנאמיע, בשעת'ן שטיצן טרענירונג פראגראמען פאר פארגעשריטענע פעהיגקייטן וועלכע ווערן געטריבן דורך די ארבעטסגעבער אליין און וועלכע וועלן העלפן ניו יארקער בליהען אין די דזשאבס פון די צוקונפט."

די דריטע רונדע פון גרענטס פון די אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג ברענגט די סך הכל אינוועסטירונגען פון אלע דריי רונדעס צו מער פון 24 מיליאן דאלאר, און די גרענטס וועלן אויך פירן צו נאך מער פון 17 מיליאן דאלאר אין אנדערע אינוועסטירונגען פון רעגירונג און פריוואטע מקורות, און עס קומט אן צו איבער 9,000 טרענירטע ארבייטער וועלכע ווערן געשטיצט פאר איבער 300 ביזנעס שותפים.

די גרענטס וועלכע זענען געשאנקען געווארן היינט פאר זיבעצן פראיעקטן וועלן שטיצן ארבעטסקראפט טרענירונג פראגראמען פאר פארגעשריטענע פעהיגקייטן וועלכע זענען געטריבן דורך די ארבעטסגעבער אליין, און זיי וועלן באלוינען די וועלכע קומען אויף מיט א שעפערישע צוגאנג און מיט די בעסטע סטאנדארטן צו רעדוצירן די שטרויכלונגען וועלכע שטערן מענטשן פון נויטבאדערפטיגע קאמיוניטיס זיך

צו באטייליגן. דער 35 מיליאן דאלארדיגער ארבעטסקראפט אנטוויקלונג אינוועסטירונג גרענט פראגראם וועט שטיצן די אינוועסטירונג באדערפענישן פון די קערפערשאפטן וועלכע פירן דורך ארבעטסקראפט טרענירונגען וועלכע ווילן באריייכערן אדער פארברייטערן זייערע געאפפערטע סערוויסעס. דער 115 מיליאן דאלארדיגע 'באצאלונג פאר תוצאות' גרענט פראגראם האט צוויי וועגן צו באקומען פינאנצירונג: בויגזאמע אפערירונג גרענטס וועלכע העלפן די קערפערשאפטן צו דעקן פראגראם-פארבינדענע קאסטן ווי אנטוויקלען קלאס מאטעריאלן און ארומיגע סערוויסעס צו צוגרייטן ניו יארקער מיט כלים פאר וועלכע עס איז דא א פארלאנג און זיי צו גיבן סערטיפיקאציעס וועלכע וועלן אנערקענט ווערן דורך די אינדוסטריע; און די צווייטע וועג איז קאפאציטעט-בויאונג גרענטס, א צוגאנג וואס באזירט זיך אויף ציפערן און מעסטונגען צו פארגרעסערן די פארנעם פון ארבעטסקראפט טרענירונג פראגראמען וועלכע האבן זיך אויפגעוויזן צו אקטיווערהייט אריינשטעלן זייערע סטודענטן אין גוטע דזשאבס נאכן גראדואירן. נוצנדיג תוצאות-באזירטע גרענטס, וועלן ארבעטסקראפט טרענירונג פראווײדערס באקומען די פינאנצירונג צו פארברייטערן די קאפאציטעט פון ערפאלגרייכע פראגראמען וועלכע האבן געהאט א שטארקע הצלחה מיטן אריינשטעלן די באטייליגטע אין דזשאבס און אזעלכע וועלכע האבן עפעקטיווע ארומיגע סערוויסעס.

די הויכע פראצענט פון פראיעקטן פון מערב ניו יארק זענען קאארדינירט געווארן דורך די "מערב ניו יארק מעניופעקטשורינג און טעכנאלאגיע ארבעטסקראפט קאאליציע" ( Western New York Manufacturing & Tech Workforce Coalition) וועלכע האבן אנטוויקלט א צוזאמענארבעטנדע סטראטעגיע צו פארגרעסערן די צאל טאלאנטופלע ארבייטער מיט טרענירונג געטריבן דורך די אינדוסטריע אין טעכנאלאגיע און מעניופעקטשורינג, צוויי פארבינדענע פעלדער וועלכע זענען א הויכע פראיאריטעט פאר די ראיאן. די פראיעקטן האבן אויך אויסגענוצט א פילאנטראפישע 'מעטשינג פאָנד' פון די Ralph C. Wilson Jr. Foundation.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "ערפאלגרייכע עקאנאמישע אנטוויקלונג ווערט געבויט דורך א געניטע און צוגעגרייטע ארבעטסקראפט. אזעלכע אינוועסטירונגען וועלן פונדאסניי באפעסטיגן ניו יארק סטעיט'ס פאזיציע אלץ א פראדוצירער פון אן ארבעטסקראפט פון א הויכע קוואליטעט און אלץ א צענטער פאר טרענירונג פראגראמען וועלכע ווערן אויספלאנירט דורך די אינדוסטריע, פארזיכערנדיג די סטעיט אלץ א דעסטינאציע פאר ארבעטסגעבער פון ארום די וועלט.

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמישאנער, ראבערטאָ ריערדאן, האט געזאגט,** "ארבעטסקראפט אנטוויקלונג איז א וויכטיגע באשטאנדטייל אין גאווערנער האקול'ס 'רעצעפט' צו פארשטערקערן ניו יארק סטעיט'ס עקאנאמישע שטאנד. דורכן צושטעלן די נויטיגע טרענירונג און בילדונג, גיבן מיר פאר ניו יארקער די כלים וואס זיי דארפן זיך צו קענען בעסער אויסהאלטן זיך און זייערע פאמיליעס."

**<u>פראיעקטן צו באקומען גרענטס אין די דריטע רונדע:</u>**

**קעפערשאפטן צו באקומען 'באצאלונג פאר תוצאות' (Pay for Performance, P4P) אפערירונג גרענטס:**

**Central NY Works - צענטראל ניו יארק - $1,000,000:** CNY Works'ס 'סירעקיוס - אויספלאסטערן וועגן צו אפרענטישיפ' (Syracuse Build Pathways to Apprenticeship) פראגראם וועט פארברייטערן איר יעצטיגע צוטריט, קאפאציטעט און פראגראמען כדי צו צוגרייטן סירעקיוס איינוואוינער פון מער פארשידנארטיגע הונטערגרונטן פאר שיין-באצאלטע קאנסטרוקציע קאריערעס אין די בויען ארבייטער יוניאנס און צו נאכקומען די פארגרעסערטע לאקאלע פארלאנג פאר פעהיגע

ארבייטער אלץ רעזולטאט פון גרויסארטיגע פראיעקטן וועלכע קומען יעצט פאר, אריינרעכענענדיג די Micron 'מעגאַ-פעב' פאבריק און די נייע לאקאציע פון I-81. די באטייליגטע ווערן באצאלט פאר יעדע שעה פון דעם פראגראם, און זיי גראדואירן אריין אין NYSDOL-רעגיסטירטע יוניאן אפּרענטיסשיפּ דזשאבס וואו זיי קענען ווייטער אנטוויקלען זייערע קאריערעס.

**SUNY דזשעימסטאון קאמיוניטי קאלעדזש - מערב ניו יארק - $177,590 און $860,100:** די דזשעימסטאון קאמיוניטי קאלעדזש וועט בארייכערן און פארברייטערן זייערע עקזיסטירנדע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען מיט צוויי פראיעקטן: א פארברייטערונג פון די עקזיסטירנדע אינדוסטריע אויפהאלטונג טעכניקער און מעכאניקער פראגראמען; און די אנטוויקלונג פון 14 נייע טעכנאלאגיע און מעניופעקטשורינג סערטיפיקאטן וועלכע וועלן אויסגעשטעלט ווערן צוזאמען מיט שותפים פון די לאקאלע אינדוסטריע און געאפפערט ווערן ביי דריי לאקאציעס אריבער די ראיאן. דער פראגראם וועט גיבן פאר די טרענירנדע ארבייטער די סערטיפיקאציעס וועלכע ווערן אנערקענט אין די אינדוסטריע און די נויטיגע געזעלשאפטליכע כלים, צו צוגרייטן די גראדואירטע סטודענטן צו אנפילן מער פון 1,000 מעניופעקטשורינג דזשאבס וועלכע זענען דא לאקאל.

**Goodwill Industries of Western NY - מערב ניו יארק - $862,500:** הGoodwill'o Goodskills Career Builder איז א שותף-געטריבענע סיסטעם וואס גרייט צו מענטשן פון מינאריטעטן, מענטשן וועלכע לעבן כמעט אדער באמת אין ארימקייט און מענטשן וועלכע האבן נישט גענוג אדער בכלל נישט קיין ארבעט פאר ווייטערע טרענירונג און קאריערע געלעגנהייטן אין די טעכנאלאגיע און מעניופעקטשורינג אינדוסטריעס. אנטוויקלט אויף אן אופן צו נאכקומען די ספעציפישע טרענירונג באדערפענישן פון די אינדוסטריע, שטעלט דער פראגראם צו טיפערע ארבעטסקראפט גרייטקייט כלים, סערטיפיקאציעס, קאריערע אנטוויקלונג און שטיצע נאכן אנהויבן ארבעטן פאר ביז אזוי לאנג ווי דריי יאר.

**Andromeda Community Initiative - ניו יארק סיטי - $844,330:** Andromeda Community Initiative'o Construction Careers Pathway ('קאנסטרוקציע קאריערעס וועגן') פראגראם איז אן אומזיסטער און פראקטישער טרענירונג פראגראם וואס גרייט צו מענטשן מיט נידעריגע איינקונפט אדער בכלל נישט קיין איינקונפט פאר אלגעמיינע און ריינע-ענערגיע קאנסטרוקציע קאריערעס. דער פראגראם שטעלט צו פאר גראדואירטע סטודענטן די נויטיגע סערטיפיקאציעס צו קענען ארבעטן אויף NYC קאנסטרוקציע סייטס און אזוי אויך צוגרייטונג און אנטוויקלונג מיטלען פאר קאריערעס און באלוינונגען צו אנהויבן און בלייבן אין א שטעלע. מעגליכע פראגראמען רעכענען אריין פארריכטונג פון דרויסנדיגע ציגעלנע ווענט פון געביידעס און גרינע-ענערגיע קאנסטרוקציע און ענערגיע-שפארזאמקייט.

**טראָוקעיר קאלעדזש - מערב ניו יארק - $753,200:** טראָוקעיר'o Jump Start Plus איז א נייער פראגראם פאר מענטשן וואס האבן נישט גענוג אדער בכלל נישט קיין ארבעט וואס שטעלט צו א געמיש פון IT קאריערע באקענונג, ארבעט גרייטקייט טרענירונג, טעכנישע קלאסן און IT סערטיפיקאציעס. טרענירונג וועט זיין גרייט צוגענגליך מיט קלאסן ווערנדיג געאפפערט ביי לאקאציעס פון שותפים אריבער באפעלאו און לאקאוואנא, און זיי וועלן צושטעלן 200 שעה פון טעכנישע פעהיגקייטן טרענירונג מיט סערטיפיקאציעס וועלכע זענען אנערקענט דורך די אינדוסטריע, פריוואטע לערנען, קאריערע ייעוץ און הדרכה.

**CaHill Resources - מערב ניו יארק (הויפטקווארטיר), צענטראל ניו יארק, הויפטשטאט ראיאן און לאנג איילענד - $751,211:** CaHill'o aQuiRe קאנסטרוקציע אקאדעמיע שטעלט צוזאם א דיגיטאלע טרענירונג פלאטפארמע מיט פראקטישע לערנען, פירנדיג צו OSHA סערטיפיקאציעס, זיך אריינטרענירן אויפן דזשאב, הדרכה פון אינדוסטריע עקספערטן און אנגייענדע פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג פאר צוויי יאר נאכן ענדיגן. דער פראגראם וועט ספעציפיש ציהלן אויף קאנסטרוקציע פירמעס וועלכע זוכן נייע

ארבייטער צו נאכקומען די פארלאנג פון אינפראסטרוקטור פראיעקטן אריבער די סטעיט. די פארברייטערונג פון דעם פראגראם צו אריינגעמען ארומיגע סערוויסעס, באזונדערס די מדריכים, וועט העלפן זיכער מאכן אז טרענירנדע ארבייטער פון פארשידנארטיגע הונטערגרונטן ווערן געשטיצט אזוי ווי זיי הויבן אן קאנסטרוקציע קאריערעס.

**BCAT: Buffalo Center for Arts and Technology (באפעלאו צענטער פאר קונסט און טעכנאלאגיע) - מערב ניו יארק - $750,000:** BCAT וועט צושטעלן אומזיסטע טעכנאלאגישע טרענירונג מיט NYSED-באשטעטיגטע קלאסן פאר מענטשן פון שוואכערע הונטערגרונטן אין באפעלאו. די פראגראמען רעכענען אריין IT יסודות, IT 'העלפ דעסק' טעכניקער און IT זיכערהייט — אלע שענקענדיג דערנאך סערטיפיקאציעס וואס ווערן אנערקענט אין די אינדוסטריע. שילער וועלן באקומען א געלט באלוינונג דורכאויס טרענירונג, און זיי וועלן האבן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט און קאריערע קאונסעלארס, פריוואטע לערער און נארהאפטיגע מאלצייטן זיי צו שטופן צו בלייבן און ענדיגן די קלאסן.

**מאנראו-BOCES 2 צענטער פאר ארבעטסקראפט אנטוויקלונג - פינגער לעיקס - $700,000:** דער עלעקטרישען קאריערעס פארברייטערונג פראיעקט ביי מאנראו-BOCES 2 וועט אויפשטעלן דריי קורץ-טערמיניגע אבער אלעס-אריינגעמיגע פראגראמען: די יסודות פון עלעקטריציטעט פאר קאנסטרוקציע ארבייטער, אינדוסטריאלע און מעכאנישע עלעקטרישענס און אינדוסטריאלע אפעראטאר. אנטוויקלט בשותפות מיט לאקאל-פארמישטע פארטייען, וועט די טרענירונג האבן פראקטישע קלאסן וואו די באטייליגטע וועלן קענען פראקטיצירן אויף רוקוודיגע לערנען סיסטעמען, און זיי וועלן קענען באקומען סערטיפיקאציעס וועלכע ווערן אנערקענט דורך די אינדוסטריע און אויך פעהיגקייטן פאר א קאריערע און הילף מיט דזשאב פלאצירונג.

**St. Nicks Alliance - ניו יארק סיטי - $700,000:** St. Nicks Alliance, בשותפות מיט General Assembly, וועט פארברייטערן איר עקזיסטירנדע ארבעטסגעבער-געטריבענע טרענירונג סערטיפיקאציע פראגראמען צו אפפערן טרענירונג פאר ברוקלין איינוואוינער וועלכע האבן נישט גענוג אדער בכלל נישט קיין ארבעט צו ווערן דאטא אנאליטיקס טעכניקער. דער פראגראם רעכנט אריין טרענירונג מיט סערטיפיקאציעס דערנאך, קאריערע ייעוץ און דזשאב פלאצירונג, און אזוי אויך הילף פון אריבערגאנג מדריכים ('טרענספארמעישענעל קאָוטשעס') וועלכע מאכן זיכער אז די באטייליגטע באקומען די נויטיגע שטיצע סערוויסעס זיך צו קענען פולשטענדיג באטייליגן אין טרענירונג, פארזיכערן באשעפטיגונג און ערררייכן עקאנאמישע זעלבסטשטענדיגקייט.

**CanCode Communities - הויפטשטאט ראיאן און אריבער די סטעיט - $678,027:** CanCode Communities אפפערט קורץ-טערמיניגע קאמפעטענץ-באזירטע IT טרענירונג מיט א מיסיע צו אויפשטעלן א מער אריינגעמיגע און פארשידנארטיגע גרופע פון טעכנאלאגישע טאלאנטן אריבער די סטעיט. די פראגראם לערנען מאטעריאלן ווערן אנטוויקלט אין צוזאמענארבעט מיט IT ארבעטסגעבער צו צושטעלן די פעהיגקייטן וועלכע זענען די מערסטע שייך און נויטיג פאר IT קאריערעס אין פילע אינדוסטריע פעלדער. די פארגעשלאגענע וואוקס פון זייער טרענירטע סערוויסעס מאנשאפט וועט אוועקשטעלן מער קאפאציטעט צו רעקרוטירן טרענירנדע ארבייטער, צושטעלן שטיצע און נאכפאלגן די הצלחה פון די פראגראמען אזוי זיי זעצן פאר צו אנטוויקלען און פארברייטערן די קלאסן וואס זיי אפפערן.

**מאטעמאטיק, אינדזשענירונג און וויסנשאפט אקאדעמיע (Math, Engineering, and Science Academy, MESA) טשארטער הויך שולע - ניו יארק סיטי - $667,790: די** MESA טשארטער הויך שולע'ס לאבארטאריע פאר געוועזענע שילער וועט אויפשטעלן א 15-וואכיגע טרענירונג פראגראם אין דיגיטאלע מארקעטינג צו גיבן פאר באטייליגטע סיי די שווערע טעכנישע סקילס און סיי די פראפעסיאנאלע סקילס וועלכע זענען נויטיג צו אנהויבן ערפאלגרייכע קאריערעס אין וועב

דעוועלאפּמענט, גראַפיק דעזיין, מאַרקעטינג דאַטאַ אַנאַליטיקס און טעכנישע וואוקס מאַרקעטינג. דער פּראָגראַם וועט אויסנוצן עקזיסטירנדע קשרים וואָס די שולע האָט מיט שילער און פאַמיליעס כדי צו רעקרוטירן געוועזענע שילער פון MESA'ס הויך שולע פּראָגראַמען וועלכע זענען שוין אַרויס פון שולע און אַן אַרבעט, גיבנדיג זיי די נויטיגע שטיצע צו פאַרזעצן זייער בילדונג און אָנהויבן קאַריערעס.

**Youth Action Programs and Homes Inc. - ניו יאָרק סיטי - $250,000:** Youth Action'ס נייער Next Gen Digital Workforce ('קומענדיגע דור דיגיטאַלע אַרבעטסקראַפט') פּראָגראַם איז אַן אינדוסטריע-געטריבענע טרענירונג פּראָגראַם צו צוגרייטן יונגוואַרג מיט נידעריגע איינקונפט פאַר קאַריערעס פאַר וועלכע עס איז דאָ אַ הויכע פאַרלאַנג אין נעטוואָרק מענעדזשמענט און פייבער אינסטאַלאַציע. דער פּראָגראַם רעכנט אַריין 165 שעה פון טרענירונג, פּראַקטישע ערפאַרונג און אינדוסטריע-אָנערקענטע סערטיפיקאַציעס, און אַזוי אויך אַרבעטסקראַפט גרייטקייט טרענירונג און דזשאָב פּלאַצירונג צוזאַמען מיט שותּפים אין די אינדוסטריע. דער אומזיסטער פּראָגראַם איז אָפן פאַר מענטשן מיט נידעריגע אָדער בכלל נישט קיין איינקונפט אין די עלטער פון 18 ביז 30, און עס שטופּט די באַטייליגטע צו פאַרענדיגן דעם פּראָגראַם דורכן געבן געלט באַלוינונגען פאַרן אָנקומען און פאַרענדיגן.

**קעפּערשאַפטן צו באַקומען אַרבעטסקראַפט אַנטוויקלונג אינוועסטירונג גראַנטס:**

**ווען פינגער לעיקס BOCES - פינגער לעיקס ראַיאָן - $1,076,000:** ווען פינגער לעיקס BOCES וועט רענאָווירן אַן עקזיסטירנדע סטרוקטור ביי די Wayne Technical and Career Center צו פאַרגרעסערן די שטח וואָס איז דאָ פאַר טרענירונג און די קאַפּאַציטעט פאַר זייערע קאַרפּענטער און עלעקטרישען אַרבעט פּראָגראַמען. די שותּפות פון דעם פּראָגראַם מיט Habitat for Humanity וועט צושטעלן פאַר סטודענטן מער צוטריט צו עכטע ערפאַרונגען און פּראַקטישע טרענירונג בשעת'ן באַדינען די ברייטערע קאַמיוניטי.

**SUNY דזשעימסטאַון קאַמיוניטי קאַלעדזש - מערב ניו יאָרק - $362,500 און $168,950:** די דזשעימסטאַון קאַמיוניטי קאַלעדזש וועט באַרייכערן און פאַרברייטערן זייערע עקזיסטירנדע אַרבעטסקראַפט אַנטוויקלונג פּראָגראַמען מיט צוויי פּראָיעקטן: אַ פאַרברייטערונג פון די עקזיסטירנדע אינדוסטריע אויפהאַלטונג טעכניקער און מעכאַניקער פּראָגראַמען; און די אַנטוויקלונג פון 14 נייע טעכנאָלאָגיע און מעניופעקטשורינג סערטיפיקאַטן וועלכע וועלן אויסגעשטעלט ווערן צוזאַמען מיט שותּפים פון די לאָקאַלע אינדוסטריע און געאַפּפערט ווערן ביי דריי לאָקאַציעס איבער די ראַיאָן. דער פּראָגראַם וועט געבן פאַר די טרענירנדע אַרבייטער די סערטיפיקאַציעס וועלכע ווערן אָנערקענט אין די אינדוסטריע און די נויטיגע געזעלשאַפטליכע כלים, צו צוגרייטן די גראַדואירטע סטודענטן צו אָנפילן מער פון 1,000 מעניופעקטשורינג דזשאָבס וועלכע זענען דאָ לאָקאַל. די צוויי אינפראַסטרוקטורישע פּראָיעקטן וועלן צושטעלן די נויטיגע עקוויפּמענט וואָס פעהלט זיך אויס פאַר די צוויי אַפּערירונג גראַנט פּראָיעקטן.

**CUNY לאַגוואַרדיע קאַמיוניטי קאַלעדזש - ניו יאָרק סיטי - $350,000:** לאַגוואַרדיע קאַמיוניטי קאַלעדזש וועט פאַרוואַנדלען לאַבאָראַטאָריעס אויפן קאַמפּוס וועלכע זענען נישט אויסגענוצט צו ווערן נייע עלעקטרישע, פּלאַמבינג און HVAC לאַבאָראַטאָריעס וועלכע האָבן זיך געפונען אין די פאַרגאַנגענהייט אין געדינגענע פּלעצער אַרויס פון די קאַמפּוס; און זיי וועלן אינסטאַלירן ווינט טורבינע טורעמעס אויפן קאַמפּוס. דאָס אַריבערברענגען די לאַבאָראַטאָריעס אויפן קאַמפּוס וועט פאַרמערן די צוטריט פון טרענירנדע אַרבייטער צו שטיצע סערוויסעס און זיי וועלן ערלויבן טאָפּלטע קאַפּאַציטעט פאַר טרענירונג און אָפּציעס פאַר באַקוועמערע סקעדזשולס.

**SUNY טשענעסעלאַר דזשאַן ב. קינג דזשוניאָר האָט געזאָגט,** "אַריבער די סטעיט איז דאָ אַ הויכע פאַרלאַנג פאַר מעניופעקטשורינג פּראָפעסיאָנאַלן פאַר אַ ברייטע ריי פון אינדוסטריעס, פון קעראַמיקס

ביז סעמי-קאָנדאָקטערס. ״א דאנק גאווערנער קעטי האקול"ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט און פארטיילונג פון פינאנצירונג פאר ארבעטסקראפט אנטוויקלונג, קומען אונזערע SUNY קאמפוסן נאך די באדערפענישן פון ראיאנישע ארבעטסגעבער. מיר זענען דאנקבאר פאר די דריטע-רונדע אינוועסטירונג אין דזשעימסטאון קאמיוניטי קאלעדזש וואס וועט פארברייטערן אירע אויסגעצייכנטע אינדוסטריאלע אויפהאלטונג און מאשינעריי פראגראמען צו בעסער צוגרייטן סטודענטן, אריינרעכנענדיג ערוואקסענע לערנער, פאר ערפאלגרייכע קאריערעס."

**CUNY טשענסעלאר פעליקס וו. מאטאָוס ראדריגעז האט געזאגט,** "די צוגעלייגטע שטיצע פאר ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען אין לאגווארדיע קאמיוניטי קאלעדזש וועט העלפן צוגרייטן סטודענטן פאר דזשאבס אין שנעל-וואקסדע פעלדער וואו די פארלאנג איז גרויס, און מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און פאר די ניו יארק סטעיט אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פאר זייער שטיצע. אין CUNY ארבעטן מיר צו אהערשטעלן די שטאנדהאפטיגע סיסטעם דורך וועלכע סטודענטן ווערן טרענירט און פארבינדן מיט ארבעטסגעבער. עס איז געגוי דורך די סארטן פון שעפערישע שותפות'ן וואס מיר ערפילן אונזער לאנגיאריגע מיסיע פון פארגרעסערן די מעגליכקייט פון ניו יארקער און זייערע פאמיליעס צו פארבעסערן זייער געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע צושטאנד."

**אסעמבלי מיטגליד הערי בראנסאן האט געזאגט,** "פארשטערקערן אונזער ארבעטסקראפט איז די שליסל צו פארשטערקערן אונזער עקאנאמיע. מיר קענען נישט אינוועסטירן אין פירמעס אן אויך אינוועסטירן אין פעהיגע ארבייטער. אלץ פארזיצער פון די אסעמבלי'ס קאמיטע אויף עקאנאמישע אנטוויקלונג (Committee on Economic Development), בין איך שטאלץ צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול און מיט די אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג צו ברענגען מער גלייכקייט און געלעגנהייטן פאר אונזערע ארבייטער און ראיאנישע עקאנאמיעס. די 11 מיליאן דאלאר אין גרענטס וועלן טוהן מער פון בלויז אויפבויען אונזערע דזשאב אינדוסטריעס — זיי וועלן אינוועסטירן אין אונזערע קאמיוניטיס און געגנטער."

**אסעמבלי מיטגלידערין לאטאָיע דזשאָינער האט געזאגט,** "שטיצנדיג ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראמען וועלכע בויען אויף קאריערעס — אינוועסטירן די גרענטס וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן צו באריייכערן די פעהיגקייטן און פארשטערקערן צוטריט צו שיין-באצאלטע דזשאבס פאר ניו יארק'ס פאמיליעס. מיטן זיך קאנצענטרירן אויף ניו יארקער וועלכע האבן בכלל נישט אדער נישט גענוג ארבעט, קאנצענטרירן זיך פילע פון די פראגראמען אויך אויף דאס גיבן פאר יונגע ערוואקסענע צוטריט צו די כלים וואס זיי דארפן צו קענען מצליח זיין אין א דזשאב מארקעט וואס איז פול מיט קאנקורענץ.

**אסעמבלי מיטגליד על סטירפ האט געזאגט,** "די דריטע רונדע פון די 'ארבעטסקראפט אנטוויקלונג אינוועסטירונג' און 'באצאלונג פאר רעזולטאטן' גרענטס איז א פרייליך-אויפגענומענע אינוועסטירונג פאר אונזער ראיאן. גיבנדיג צוטריט פאר ארבעטסקראפט טרענירונג און מיטלען פאר פארגעשריטענע פעהיגקייטן איז נויטיג צו העלפן אוועקשטעלן ניו יארק אלץ א לאנד'ס-פירנדע ארבעטסקראפט און עקאנאמיע. די גרענט וועט אונז ערמעגליכן צו טאפלען די צאל ארבייטער וועלכע ווערן טרענירט דורך די סיסטעם צו העלפן ערפילן די באדערפענישן פון דעם I81 פראיעקט וואס האט זיך שוין אנגעהויבן און אזוי אויך פון דעם Micron פראיעקט וואס דארף זיך צו אנהויבן קומענדיגע יאר. איך אפלאדיר אונזער אייגענע CNY Works און אלע אנדערע קערפערשאפטן וועלכע האבן געוואונען גרענטס פון די אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פארן צושטעלן באדייטפולע אנטוויקלונג טרענירונג פאר אלע אינדוסטריע פעלדער, און איך קוק ארויס צו ארבעטן צוזאמען צו אויפבויען אונזערע פובליק און פריוואטע אנטוויקלונג פראגראם שותפות'ן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן